# פון באָבאָוו ביז לעמבערג

## דער פיינליכער וואַנדער־וועג פונעם באָבאָווער רבי׳ן הרה״ק אדמו״ר רבי בן ציון הלברשטאַם זצוק״ל הי״ד אַנטלויפענדיק פון מערב צו מזרח־גאַליציע אין די ערשטע מלחמה־טעג

• פון בן ציון גאָלדמאַן

### נאָך אַלץ אויפ׳ן וואָגן...

געווען איז דאָס עטליכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער באָבאָווער רבי הגה״ק רבי בן ציון זצוק״ל הי״ד איז געווען אויף אַ באַזוך אין דער גרעסערער מערב־גאַליצישער שטאָט טורנע. געקומען איז ער אַהין אַלס גאַסט פון זיינע דאָרטיגע פילע חסידים און פאַרעהרער. עס איז צוגעגרייט געוואָרן לכבודו אַ הערליכער קבלת פנים ביים באַן־הויף, וואו פיל טויזנטער אידן זענען געקומען אים אָפּצוגעבן דעם געהעריגן כבוד התורה.

געוויינליך אין אַזאַ צייט וואָלט ער געדאַרפט זיין אויפגעלייגט, מיט בדיחות הדעת. אָבער דוקא דעמאָלט האָט מען פון אים אַרויסגעהערט אַ פאַרשטיקטן קרעכץ. אַרויפזעצענדיג זיך אויפ׳ן וואָגן, צו דער אכסניא, האָט ער געלאָזט הערן די ווערטער: ״זינט מיר האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויפ׳ן וואָגן, בעת׳ן ערשטן וועלט־קריג זענען מיר כסדר אויפ׳ן וואָגן״... אויסרעכענענדיג די טלטולים און וואַלגערנישן פון יענע מלחמה־יאָרן, האָט ער פאַרענדיגט מיט אַ קרעכץ: ״יאָ, מיר זענען נאָך אַלץ אויפ׳ן וואָגן״...

אָט די ווערטער האָבן אויף די אַרומיגע מענטשן געמאַכט אַ דערדריקענדן רושם. יעדער האָט געפילט ווי דער רבי טראָגט זיך אַרום אין האַרץ מיט ביטערע פאָר־געפילן, און ווי נאָר ער דערזעט פאַר זיך אַ גרויסן קיבוץ אידן, קען ער נישט באַהערשן זיינע רחמנות־געפילן אויף זיי און דער קרעכץ רייסט זיך פון אים אַרויס אומווילענדיג.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. זיין ״עינא פקיחא״ האָט געזען און זיין ״לב נבון״ האָט פאָרגעפילט וואָס עס דערוואַרט די אידן אין פוילן און אין אַנדערע לענדער. ער האָט פיל געשמועסט איבער די לויפענדע געשעענישן, און כסדר געפּרואווט מחזק זיין זיך און אַנדערע, אַז סוף סוף וועט זיך דער באַשעפער דערבאַרעמען און נישט צולאָזן אַז דער רשע ימ״ש זאָל קענען אויספירן זיין פינסטערן פלאַן.

עס האָט דערציילט הגאון החסיד רבי אברהם ענגלאַרד זצ״ל, אבד״ק דאברא (סוף ימיו איז ער געווען דער רב ור״מ פון ״קרית באבוב״ אין ארץ ישראל) אַז אין פרשת החודש פון יאָר תרצ״ט, (אַ האַלב יאָר פאַר דער מלחמה) ווען ער איז געווען ביי אַ ״שמועס״ פרייטאָג־צו־נאַכטס נאָך דעם טיש, האָט ער געהערט ווי דער רבי רעדט וועגן דעם רשע ימ״ש און זאָגט פאָראויס, אַז ער וועט איינעמען פוילן און אַנדערע מדינות, אויסלאָזענדיג: ״ווער ווייס וואָס מיט אונז וועט דעמאָלט זיין״... אַ יאָר שפּעטער, זייענדיג שוין אַ פּליט אין לעמבערג, וואו אויך דער באָבאָווער רבי זצ״ל איז געווען, האָט ער ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט דעם רבי׳ן, און האָט אים דערמאַנט אַז נאָך מיט אַ יאָר צוריק, שבת פרשת החודש, האָט דער רבי פאָראויסגעזאָגט דאָס וואָס עס איז טאַקע געשען במשך דעם יאָר.

״אַזוי האָב איך געזאָגט?״ — האָט זיך דער רבי אָנגערופן אַ פאַרוואונדערטער. ״עס איז טאַקע נישט קיין רוח הקודש, עס איז דאָך אָבער ׳הויך פּאָליטיק׳... און איך רעד דאָך נישט קיין ׳הויך פּאָליטיק׳... אָבער אויב איך האָב אַזוי געזאָגט — האָט דער רבי פאַרענדיגט — דאַן זאָג איך ווייטער אַז דער רשע וועט איינעמען נאָך מדינות״... דאָ האָט דער באָבאָווער רבי אָנגעהויבן אויסצורעכענען איין מדינה נאָך די אַנדערע, ווען פּלוצלינג איז אַריינגעקומען זיין עלטסטער זון יבלח״ט דער היינטיקער באָבאָווער רבי, און הערענדיג זיין פאָטער׳ס רייד האָט ער אים געפרעגט: ״און לאָנדאָן וועט דער רשע אויך איינעמען״?

״לאָנדאָן נישט!״ — האָט דער רבי געענטפערט קאָנסעקווענט. ״אויב דער רשע זאָל איינעמען לאָנדאָן, מיינט עס חלילה ׳כליה׳, און כליה האָט דער אויבערשטער צוגעזאָגט וועט נישט זיין״...

האָבענדיג אַזאַ קלאָרן בליק איז נישט קיין וואונדער, דעריבער, וואָס מיט יעדן טאָג, וואָס ס׳איז קלאָרער געוואָרן אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידליך, זאָל דער רבי זיך שרעקן פאַר׳ן גורל פון כלל ישראל, און טאָן וואָס ער קען נאָר צו ראַטעווען זיך און זיינע קינדער, ווי ער האָט דאָס בפירוש פאַרלאַנגט אויך פון יעדן אַנדערן.

״מיר זענען נאָך אַלץ אויפ׳ן וואָגן״ — האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין די ריכטיגע דעפיניציע פון דער אידישער לאַגע אין די ערשטע טעג און וואָכן פון די מלחמה, ווען הונדערטער טויזנטער אידן האָבן זיך געשלעפּט מיט באַנען, וועגנער און אויך צופוס פון איין שטאָט צו דער אַנדערער, מיינענדיג אַז ״דאָרט״ איז בעסער און רואיגער. דער כאַאָס און צערודערטקייט וואָס האָט געהערשט אויף די וועגן, איז געווען אַ שטיק גלות פאַר זיך אַליין. דערצו איז צוגעקומען די סכנה וואָס האָט געלויערט יעדע מינוט געטראָפן צו ווערן פון די דייטשע באָמבעס.

דער באָבאָווער רבי האָט דעם גאַנצן וועג, וואָס האָט גענומען עטליכע וואָכן, כמעט נישט געוואָלט רוען. ער האָט כסדר נאָר געוואָלט גיין ווייטער און נישט באַגעגענען די דייטשע רוצחים אפילו אויף אַ רגע. ״איך וויל נישט אָנקוקן זייערע טמא׳נע פרצופים״ — האַט ער פילמאָל ווידערהאָלט. זייענדיג בטבע אַ שוואַכער און שוועך־באַוועגנדיגער מענטש, איז אים דאָס כסדר׳דיגע לויפן אין שרעק, און פיל מאָל אויך אין הונגער, אָנגעקומען מיט גרויסע יסורים. ער האָט אָבער זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז פון די דייטשן מוז מען אַנטלויפן מיט אַלע כוחות.

די פאַרשידענע פחדים אויפ׳ן וועג, און דער זאָרג פאַר׳ן גורל פון די טויזנטער חסידים און תלמידים האָבן אויף אים שווער געדריקט, און דעם גאַנצן וועג האָט ער געמורמעלט פסוקים פון תפלה. ווען עס האָט זיך געהערט אַ שאָס פלעגט ער צו בויגן דעם קאָפּ (״על כל גל וגל נעניתי ראשי״) און זאָגן ״אל ימעטו לפניך תלאותינו״.

דער וועג ״פון באבוב ביז לעמבערג״ איז געווען אַ וועג פול מיט תלאות און מלחמה איבערלעבענישן, וועלכע מיר ווילן דאָ פּרובירן צו שילדערן.



כשהשנים כתיקונן. — באָבאָווער רבי הרה״ק רבי בן ציון זצוק״ל הי״ד אויף אַ שפּאַציר אין אַ קור אָרט, אין דער באַגלייטונג פון אַלטע און יונגע חסידים.

### 1) באָבוב — טורנע

### אַ רירנדע געזעגענונג

פיר טאָג איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, דינסטאָג פרשת כי תבוא י״ד אלול תרצ״ט, האָט דער באָבאָווער רבי, צוזאַמען מיט זיינע קינדער און זייערע משפחות, זיך אַריינגעזעצט אין אַ געדונגענעם אויטאָבוס, און געפאָרן צו דער גרעסערער שכנות׳דיגער שטאָט טורנע. געוואוסט האָט מען שוין, אַז אַ מלחמה דאַרף אויסברעכן אַ ליאַדע טאָג. דעריבער האָט מען געוואָלט זיין אין אַ גרויסע שטאָט, וואו מען איז לכאורה זיכערער אין אַזאַ צייט.

נאָך דריי טעג אין טורנע, פרייטאָג י״ז אלול איז אויסגעבראָכן די מלחמה, און באַלד האָבן מענטשן אָנגעפאַנגען לויפן טיפער אין דער ריכטונג פון מזרח גאַליציע, צו זיין וואָס ווייטער פונעם דייטשן אַריינדרינג־פּונקט. געלאָפן זענען על פי רוב מענער, ווייל מען האָט געגלויבט, אַז פרויען און קינדער וועט דער דייטש נישט טשעפּען. ווי עס איז געוויינליך ביי אַ מלחמה. אויך ביי דער באָבאָווער משפחה האָט מען באַשלאָסן, אַז נאָר די מענער זאָלן לויפן, און פרויען מיט קינדער זאָלן בלייבן אין טורנע.

וויאַזוי לויפט מען אָבער? זיך שלעפּן מיט אַ פערד און וואָגן איז געווען צו שווער פאַר׳ן רבי׳ן. ווידער אַ קאַר איז נישט געווען צו באַקומען. דאָס פוילישע מיליטער האָט קאָנפיסקירט אַלע אויטאָס. ענדליך נאָר שווערער מיה האָט זיך אָפּגעפונען אַ איד פון טעשין מיט׳ן נאָמען ר׳ מאטל כ״ץ (ער איז מיט עטליכע יאָר צוריק נפטר געוואָרן אין א״י) וועלכער האָט געהאַט אַן אויטאָ, און האָט מיט קונצן באַוויזן זיך צו באַזאָרגן מיט בענזין. עס איז אָבער געווען פּלאַץ נאָר פאַר צוויי מענטשן, איז באַשטימט געוואָרן אַז דער רבי און זיין איידעם רבי משה׳לע סטעמפעל הי״ד וועלן פאָרן מיט די קאַר.